# תשורה

מחתונת יעקב יהודה והעניא רחל שיחיו קארלעבאך

אור ליום הבהיר י"ד כסלו ה'תשע"ט
צדי"ק שנה לחתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א
והרבנית הצדקנית נ"ע

# פתח דבר

ב"ה,

בקשר עם יום הבהיר י"ד כסלו בו ימלאו צדי"ק שנה לחתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א ו-יבחל"ח- הרבנית הצדקנית נ"ע ועפ"פ המנהג שהנהיג כ"ק אדמו"ר מהוריי"ץ נ"ע בהחתונה ליתן תשורה להמשתתפים בהחתונה הננו מו"ל בזה תשורה מיוחדת לכל המשתתפים שבאו מקרוב ומרחוק להשתתף בחתונת צאצאינו ה"ה החתן הרב מ' יעקב יהודה שיחי' והכלה מהוללה מ' העניא רחל תחי' קארלעבאך.

בתשורה זו נכללו:

א) העתק מהתשורה שנחלקה בחתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א (לפני 90 שנה בדיוק) עם פיענוח הכתי"ק שבו.

ב) ליקוט מיוחד של כמה ענינים משיחות, מכתבים, כתי"ק ויומנים מהנהגות כ"ק אדמו"ר שליט"א בקשר עם ציון יום הבהיר י"ד כסלו, ובפרט בקשר עם יובל הצדי"ק וכן רשימה של מאורעות י"ד כסלו במשך השנים.

ג) הוספה מיוחדת של כמה קטעי מכתבים מא' התמימים שכתב לאב הכלה כשהי' בשליחות כ"ק אדמו"ר שליט"א בסידני, אוסטרלי' שבו מתאר כמה מנהגות כ"ק אדמו"ר שליט"א ומהקורות בחצרות קודשנו בחודשי אייר-סיון תשמ"ז, ומתפרסם כאן **לראשונה**.

יה"ר שתשורה זו יחזק אצל כל המשתתפים בשמחה זו את הרגישות הנכונה ביום הבהיר הזה, ובפרט כדברי כ"ק אדמו"ר שליט"א בההתוועדות בקשר עם מלאת חמישים שנה להחתונה (י"ד כסלו תשל"ט) שכדאי לקשר את חגיגות י"ד כסלו עם שבע ברכות של חתן וכלה שהתחתנו בשבוע זה ממש, הרי בטוח הדבר שכך יהי' אצל כאו"א מהמשתתפים בשמחה זו.

ועוד והוא העיקר שביום הבהיר הזה עצמו נזכה בתוככי כל בנ"י להתראות עם בעל השמחה כ"ק אדמו"ר שליט"א ונחגוג עמו את היום הבהיר בפשטות ממש בביאת משיח צדקנו תיכף ומיד ממש, וכלשון הרב בשיחת ש"פ וישלח תשנ"ב: "שבשנת הצדי"ק נעשית שלימות הנישואין, שהו"ע הנישואין דכנס"י עם הקב"ה".

אור ליום הבהיר י"ד כסלו
צדי"ק שנה לחתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א, תשע"ט

**משפחת קארלעבאך** **משפחת וואלאוויק**

# התשורה שחולקה בחתונת כ״ק אדמו״ר שליט״א והרבנית הצדקנית נ״ע

(לפני תשעים שנה בדיוק)

באמצע סעודת החתונה של כ״ק אדמו״ר שליט״א והרבנית הצדקנית נ״ע, שעה שהסיבו המסובים ליד השולחנות הערוכים, ציוה כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ לאחד מתלמידי התמימים, לחלק בשמו, לכל אחד ואחד מהמסובים, תשורה מיוחדת:

גליון שנכפל לשלושה חלקים. מצדו האחד של הגליון נדפס צילום ״תמונת הדרת-קודש. גוף כתב יד קדשו של כ״ק אאזמו״ר. אדמו״ר אבינו הראשון. רבינו הגדול זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע״, ומצדו השני, כלפי חוץ, נדפסו שלושה צילומי קטעים קטנים, האחד — כתוב בלשון הקודש — אף הוא בגוכי״ק של אדמו״ר הזקן. השניים האחרים נכתבו ברוסית על-ידי אדם אחר.

לגליון זה צורף גליון נוסף שנכפל לשנים: מצד ימין נדפס צילום מכתבו של כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ — הכתוב בכתב ידו של אחד המזכירים וחתום בגוכי״ק של אדמו״ר הריי״צ — בו הוא מודיע כי מכתב של אדמו״ר הזקן שראה לכבד בו ״את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק . . אשר סגולה יהי׳ לכל מילי דמיטב מנפש ועד בשר, בתוככי ידידינו אנ״ש, ד׳ עליהם יחיו, וכל מחבבי תורה יחיו״. בצד השמאלי של הגליון, נדפסה פשר פתשגן הכתב — אף זאת בצילום כתב-ידו של אותו מזכיר — בו מפרט כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ את הנסיבות בגללן שלח רבינו הגדול את מכתבו הנ״ל.

בנוסף לחלוקת התשורה בעת החתונה, שלח כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ תשורה זו לכמה מחסידיו, וכלשון כ״ק אדמו״ר שליט״א באחד ממכתביו ״אשר כ״ק מו״ח אדמו״ר שלחו בתור מתנה לחסידים ואנ״ש בקשר עם חתונתי״.



בעזהי"ת

שלום וברכה

לזכרון טוב, ליום כלולת בתי הכלה המהוללה מ' חי' מושקא תחי' עם ב"ג החתן הרב מ' מנחם מענדל שי', הנני בזה לכבד את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק, בתשורה המוסגרת בזה, העתק מכתב כתב יד קדשו של הוד כ"ק אדמו"ר אאזמו"ר, אבינו הראשון, רבינו הגדול זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, אשר סגולה יהי' לכל מילי דמיטב מנפש ועד בשר, בתוככי ידידינו אנ"ש, ד' עליהם יחיו, וכל מחבבי תורה יחיו.

בשמחה ובברכה [חתי"ק]

ישיבה „תומכי-תמימים דליובאוויטש"
ג' י"ד כסלו, תרפ"ט, ווארשא.

פרשת מכתב קדש זה הוא, כי היחס בין החסידים ומנגדיהם בעת ההיא הי' במצב כזה, אשר באחת האסיפות של אנ"ש בווילנא היו קבוצת אברכים מופלגי תורה מצעירי החסידים דעתם לצאת לריב עם מנגדיהם ומאנו להוסיף ללכת בעקבי מתוני אנ"ש שבראשם עמד פרנס הקהלה החסיד ר מאיר בר' רפאל נ"ע אשר כחמשה ששה שנים (תקנ"א - נ"ו לערך) עמלו והשתדלו דבר הבאת שלום ובאסיפה ההיא תמך החסיד רמ"מ נ"ע בידם של הצעירים ויצא בדברים יוצאים מלב כואב, מרוב הנגישות שסבלו, נגד החסיד רמב"ר נ"ע

באותו מעמד שלח רבנו הגדול אליהם ציר מיוחד, לאמר, הצדק אתכם, אבל המוח שליט על הלב, וזאת היא עבודת אנ"ש להיות לבם ברשותם ומכון לאהבתו ויראתו ית', ולבא פליג לכל שייפין בפועל במדות טובות באהבת כל ישראל לטובה וסוף כבוד אלקים לבוא כאשר יפוצו מעינות מעין בית ד' אשר נגלה ע"י מורנו הבעש"ט נ"ע ומלאה הארץ דעה את ד'

ובחדש אלול דשנה ההיא שלח רבנו הגדול מכתב זה להחסיד ר' משה נ"ע




לידידי מו' משה נ"י שאלתי ובקשתי לעורר רוח טהרה בלבו הטה[ור] להעביר על מדותיו כמארז"ל כל המעביר על וכו' ולהיות מן הנעלבי[ם] ולבקש מחילה ברבים מהנגיד מו' מאיר נ"י קודם יה"כ הבע"ל [יום הכיפורים הבא עלינו לטובה] ולעשות זאת למעני ולמען השלו[ם] כי אין שלו' יוצא מתוך מריבה ח"ו ובפרט ממחלוקת לש"ש [לשם שמים] אשר רוב הצרות והתלאות הן ממחלוקת לש"ש הרחמן יצילנו ממנה ומגודל בטחוני שדברי אלה המועטי[ם] יחזיקו המרובי[ם] ויהיו לרצון אמרי פי ולא ישליכם אחרי גיוו ח"ו קיצרתי ואומר שלו' שלו' מאדה"ש [מאדון השלום] כנפש תדרשנו ד"ש [דורש שלומו] וטובתו מלונ"ח [מלב ונפש חפיצה] שניאור זלמן



מצד ימין - בגוף כתב יד קודש אדמו"ר הזקן: להרבני מו"ה מייזליש שמש ונאמן דק[הלת] ווילנא

שלוש השורות הנוספות, בשפה הרוסית, נכתבו על-ידי אדם אחר (בתרגום ללה"ק): לאדון יהודי משה מורדוכוביץ [בן מרדכי] מייזליש בווילנא

# מאורעות יום הבהיר י"ד כסלו במשך השנים

לקראת יום הבהיר י"ד כסלו צדי"ק שנה

**התוועדויות דש"ק**: תשי"ד, תשי"ח, תשכ"ח, תשל"א, תשמ"א, תשמ"ה, תשמ"ח, תנש"א

**התוועדות כשחל בחול**: אור לי"ד כסלו תשל"ט

**שיחות**: תשי"ד (לאחר ברכת אנ"ש), תשל"ט (לאחר ברכת אנ"ש), תשמ"ח (לאחר ברכת אנ"ש), י"ד כסלו תשמ"ט (לאחר ברכת אנ"ש), ט"ו כסלו תשמ"ט, תש"נ (שיחה קצרה ע"ד חלוקת דולרים)

**מאמרים מוגהים**: תשל"ט (ד"ה לכה דודי תשי"ד), תשמ"ח (ד"ה וכל בניך תשמ"א), תש"נ (ד"ה אשר ברא תשל"ט), תנש"א (ד"ה מרגלא בפומי' תש"מ), תשנ"ב (ד"ה פדה בשלום תשכ"ב)

**מכתב כללי:** אור לט"ו כסלו תשל"ד

**מכתבים כלליים-פרטיים בקשר לי"ד כסלו**: טו"ב כסלו תשכ"ט, ט"ו כסלו תשל"ט

**דברים שהורה להדפיס במשך השנים**: שיחת ש"פ וישלח תשכ"ט במענה להמברכים - תשל"ט. קונטרס דרושי חתונה - תשל"ט; תשמ"ח (ראה סיום שיחת ש"פ ויצא ע"ד דרך אמונה); תשנ"ב (עם שני מאמרים מוגהים מכ"ק אדמו"ר) - כ"ק אדמו"ר חילקו בידו הק' לכאו"א ביום א' י"ז כסלו על פתח חדרו הק' בצירוף שני שטרות של דולר

**ברכת אנ"ש**: תשי"ד (ליל ש"ק י"ד כסלו, שיחה קצרה אח"כ), תשל"ט (י"ד כסלו לאחר תפלת מנחה, שיחה קצרה אח"כ), תשמ"ח (מוצש"ק י"ד כסלו, שיחה קצרה אח"כ), תשמ"ט (י"ד כסלו לאחר תפלת מעריב, שיחה אח"כ), תשנ"ג (אור לי"ד כסלו, אח"כ עודד שירת "מהרה ישמע" בחזקה בתנועות ידו הק')

**והעיקר שנזכה לחגוג את י"ד כסלו תשע"ט עם כ"ק אדמו"ר שליט"א בההתגלות תיכף ומיד ממש**

# שיחות

## תשי"ד

– עשרים וחמש שנה –

### "דער טאג וואס מ'האט מיר פארבונדן מיט אייך..."

"חתונה בכלל אצל כל איש פרטי — הו"ע כללי. אבל אצלי — הרי ע"י החתונה הוכנסתי אח"כ בענינים כלליים כו'.

**"דאס איז דער טאג וואס מ'האט מיר פארבונדן מיט אייך און אייך מיט מיר, און צוזאמען וועלן מיר אויסמאטערן די גאולה האמיתית והשלימה** (זה היום שבו קישרו אותי עמכם, ואתכם עמי, וביחד נתייגע ונביא את הגאולה האמיתית והשלימה),

(וסיים כ"ק אדמו"ר שליט"א:) "יעזור השי"ת שנראה פרי טוב בעמלינו".

[כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה שהתלמידים יאמרו לחיים, ויבקשו שתהי' להם הצלחה בלימור התורה, נגלה וחסידות (והמתין עד שכולם יאמרו לחיים, ואמר "לחיים" עמהם).

כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן מהמזונות לאחרים מזקני החסידים שזכו להיות נוכחים בהחתונה בשנת תרפ"ט.]"

(י"ד כסלו תשי"ד – תורת מנחם ח"י ע' 206)

## תשכ"ט

– ארבעים שנה –

### "י"ד כסלו, תשכ"ט* אויסצוג פון שיחת ש"פ וישלח, ט"ז כסלו, ה'תשכ"ט.

*) "אין צוזאמענהאנג מיט דעם וואס י"ד כסלו, תשכ"ט, איז געווארן פערציק יאר פון דער חתונה פון כ"ק אדמו"ר שליט"א מיט הרבנית חי' מושקא נ"ע זי"ע) — י"ד כסלו, תרפ"ט, האבן פיל פון אנ"ש והתמימים שיחיו אויסגעדריקט זייערע ברכות צו כ"ק אדמו"ר שליט"א והרבנית נ"ע זי"ע), און גלייכצייטיק איבערגעגעבן צו כ"ק אדמו״ר שליט"א סכומים פון ארבעים. און א טייל האבן אויך אנגענומען א הוספה אין לימוד התורה.

"ביי דער התוועדות פון ש"פ וישלח, ט"ז כסלו, האט כ"ק אדמו"ר שליט"א געבענטשט די אלע מברכים און האט דערביי באטאנט די וויכטיקייט פון מחזק זיין און מאשר זיין א ברכה דורךביידע זאכן, סיי צדקה (מעשה) און סיי לימוד (נגלה און חסידות) אזן ווי ערקלערט אויספירלעך אין די שיחה וועלכע ווערט דא געדרוקט. (ביי דער התוועדות פון י"ט כסלו, תשכ"ט האט כ"ק אדמו"ר שליט"א אויך ערקלערט אז די דאזיקע הנהגה איז אויך שייך צו נשי ובנות ישראל שתליט"א)

"(ביי א שפעטערדיקע געלעגנהייט איז א טייל פון אט־דער שיחה דערשינען נאכאמאל און ס'זיינען דערביי צוגעקומען הוספות ושינויים פון כ"ק אדמו״ר שליט"א — אויך די מהדורה ווערט דא געדרוקט (לקמן ע'). המו"ל"

## "די הוספה בלימוד התורה וואס איז פארבודן מיט מ"ם שנה..."

"די ברכות וכו' האט מען דאך געגעבן בקשר עם יובל הארבעים", איז להעיר אז מספר ארבעים איז ספעציעל פארבונדן מיט די דריי ענינים הנ"ל" — תורה, [לימוד אגרת ה]תשובה און "מתפלל עם הציבור": זיי האבן א שייכות מיוחדת צו ארבעים.

"ווי מען זעט אין די דריי מאל ארבעים יום וואס משה רבינו איז געווען בהר, אז אין די ערשטע ארבעים יום האט ער מקבל געווען תורה (וואס דאס איז דאך אויך דער רמז אין ווארט תרומה: תורה מ'), די צווייטע ארבעים יום האט ער מתפלל געווען, ווי עם שטייט אין פסוק ואתפלל גו'. און די דריטע ארבעים יום האט ער אויפגעטאן דעם "סלחתי כדברך" — ענין התשובה.

" (וואס דערפאר זיינען דאך די טעג פון ר"ח אלול ביז יו"כ נקבע געווארן אלס ארבעים ימי תשובה. און אזוי אויך בענין הספירות. איז דאך תשובה בספירת הבינה, און "בן ארבעים לבינה").

"וי"ל רמז בזה וואס די אלע דריי ענינים — תורה תפלה און תשובה הויבן זיך אן מיט א תי"ו - צען מאל ארבעים, ארבעים כ"א כלול מיו"ד.

"א מ"ם איז דאך פאראן מ"ם פתוחה און מ"ם סתומה, וואם דאס איז מאמר פתוח — גליא דתורה, און מאמר סתום — פנימיות התורה , איז דעריבער מהראוי, אז די הוספה בלימוד התורה וואס איז פארבודן מיט מ"ם שנה, זאל זיין סיי אין גליא דתורה, סיי אין סתים דאורייתא וואס בדורותינו אלה איז ער נתגלה געווארן אין תורת החסידות.

"ואעפ"י אז אין אגה"ת גופא זיינען דאביידע חלקים, ווארום אין די ערשטע פרקים שבאגה"ת איז ער מבאר עניני תשובה הלכה למעשה, בעיקר — עפ"י נגלה, און אין די אנדערע פרקים עפ"י חסידות. — פונדעסטוועגן, וויבאלד אז דאס איז א חלק אין תניא, וואס איז בעיקרו פנימיות התורה, דערעבער איז מהראוי אז די הוספה אין גליא דתורה זאל זיין נוסף אויפן לימוד פון אגה"ת."

(לקו"ש ח"ה ע' 422 ואילך)

# תשל"ט

– חמישים שנה –

## "ווען ס'קומט דער יום החתונה ... קלייבן זיך צוזאמען בני המשפחה..."

"ובנוגע לענינינו - בנוגע צו דעם ענין אז ווען ס'קומט דער יום החתונה, זאלן זיך צוזאמענקלייבן כמה אוהבים וידידים, און אויך צוזאמענקלייבן זיך בכמה מקומות, און דאס זאל ברענגען צו א התוועדות און "משתה" וכו' - דארף מען זוכן א מקור לזה (עכ"פ באופן של רמז) אין תורה.

"עס איז שווער צו וויסן ווי איז געווען די הנהגה פון רבותינו נשיאינו בזה - ווארום ניט בא יעדערן פון זיי איז געווען די מציאות פון א יובל שנים לאחרי החתונה, און אפי' בא די וואס ס'איז געווען די מציאות פון א יובל שנים לאחרי החתונה - ווייסט מען ניט ווי איז געווען הנהגתם באופן פרטי,

"וכידוע אז ס'זיינען דא כו"כ הנהגות וואט זיינען געווען בבית רבינו מדור לדור, און מאיזה סיבה שתהי' האם מען דאס ניט מפרסם געווען - ביז אז ס'איז געקומען צו זמנו פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואס ער האם דאס מפרסם געווען. און ווי ער האט געזאגט אז ווען ס'איז געקומען דער זמן המתאים לזה, האס עד דאס דעמולט מפרסם געווען.

"דער רמז אויף דערויף אין תורה איז - דער מרז"ל [וואס חסידות ברענגט דאס אראפ בכ"מ] "אזלת לקרתא הלך בנימוסי'".

"וואס דעם ענין זאגט מען סיי אין אן אופן פון מלמטלמ"ע, און סיי אין אן אופן מלמעלמ"ט:

"ווען ער קומט אין א העכערן "קרתא", דארף זיין "הלך בנימוסי'". ווארום אע"פ אז ס'איז דא די הוראה אז מ'דארף זיך ניט אנכאפן אויף יעדער ענין של הידור און א זאך וואס איז העכער פון אים (כמבואר בארוכה די טעמים שבדבר אין די שיחות וואס רעדן וועגן דעם) - אעפ"כ, ווען משה רבינו איז ארויף אויף הר סיני, איז "לחם לא אכל ומים לא שתה", און ווי ער זאגם אין מדרש דעם טעם לזה, וויבאלד אז "אזלת לקרתא הלך בנימוסי'".

"ועד"ז אויך אין דעם אופן פון מלמעלמ"ט: ווען ער קומט אין א "קרתא וואס איז למטה יותר, קען ער דאך טענה'ן אז דאס איז אן ענין של ירידה, און ער דארף זיך פירן לויט די "חומרי מקום שיצא משם" - ברענגט מען די ראי' פון הנהגת המלאכים זייענדיק ביי אברהם אבינו אז "ויאכלו"", דערפאר וואם "אזלת לקרתא הלך בנימוסי'".

"ובנוגע לעניננו:

מנהג בנ"י במדינה זו (ועד"ז בכמה מדינות), אז ווען ס'קומט דער יום החתונה, ובפרט ווען ס'רעדט זיך וועגן יום החתונה וואם איז פארבונדן מיט א מספר שנים מסוים - קלייבן זיך צוזאמען בני המשפחה און ידידים ואוהבים וכו', און מ'איז משמח און מעודד איש את רעהו ואשה את רעותה וכו',

"ווען עס קומט אבער צו א אידן - דארף ער אלעמאל געדיינקען (און ער געדיינקט) דעם פס"ד פון שו"ע אז ס'דארף זיין "כל מעשיך יהיו לשם שמים", און "בכל דרכיך דעהו".

"עאכו"כ אין אן ענין וואס ווערט אויפגעטאן אין אן אופן וואם "שכינתא שריא", און "שכינתא שריא" אין אן אופן הכי נפלא, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק,

ועאכו"כ ווען דאס איז אין א ביהכ"נ וביהמ"ד, "בית גדול - מקום שמגדלין בו תורה" און "מקום שמגדלין בו תפלה"

"ובמיוחד א ביהכ"נ וביהמ"ד וואס איז פארבונדן מיט כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואס במשך פון עשר שנים בחיים חיותו בעלמא דין איז דאס געווען זיינע ד' אמות, און ווי גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות, דאס וואס דער מיטעלער רבי איז מבאר בארוכה, אז אין ד' אמות של אדם געפינט זיך יחידה שבנפש (וואס איז ניטא אין לב ומוח וכו') -

"איז א זיכערע זאך אז דאס דארף זיין אין אן אופן פון "כל מעשיך יהיו לשם שמים", ביז אין אן אופן פון "בכל דרכיך דעהו".

"ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין ספרו תניא קדישא דעם ענין פון דעת - אז דאס איז "מלשון התקשרות והתחברות.. בקשר אמיץ וחזק מאד", ביז אין אן אופן אז דערפון קומט ארויס די די הולדה פון "אהבה וענפי' ויראה וענפי'" - און ווי ער איז דערנאך ממשיך" אז "אהבה היא שרש כל רפ"ח מ"ע", און "יראה היא שרש לשס"ה לא תעשה", וואס דאם איז כולל כל חיי האדם לכל פרטיהם ופרטי פרטיהם.

"וואס דעמולט ווערט דער מנהג אין אן אופן פון "מנהג ישראל תורה הוא" - אז דאס ברענגט צו א הוספה אין לימור התורה, און וויבאלד אז "לימוד מביא לידי מעשה"", וועט דאס אויך ברענגען א הוספה אין הידור בקיום המצוות.

"ויה"ר אז מ'זאל זוכה זיין אז פון דער התוועדות זאל צוקומען א הוספה אין לימוד התורה וקיום המצוות,

"און ווי דער נוסח הידוע פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו "שיפעול בי ובהשומעים" - אז יעדערער זאל טראכטן בא זין אז ער בעט און טוט כל התלוי בו אז ס'זאל פועל'ן ביי אים, און ס'זאל פועל'ן אויך אויפן צווייטן, ביז איין אן אופן פון " ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו" - אז ס'זאל פועל'ן למעלה און למטה, און למעלה ולמטה גם יחד, "והמעשה הוא העיקר".

"און דאס זאל אויך מוסיף זיין אין דער הכנה המתאימה צום חג הגאולה י"ט כסלו - דער "ראש השנה" לתורת החסידות ולדרכי החסידות", מיט אלע ענינים הקשורים בזה, ומתוך שמחה וטוב לבב."

(י"ד כסלו תשל"ט – שיחות קודש תשל"ט ע' 348 ואילך)

## "...ס'זאל אנגעצייכנט ווערן דער ענין פון מלאת חמשים שנה"

"צווישן רבותינו נשיאינו וואס בא זיי איז געווען דער ענין פון יובל החמישים פון דער חתונה - איז אויך נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואס זיין חתונה איז געווען אין שנת תרנ"ז, און אין שנת תש"ז איז געווען דער יובל החמשים.

"און דעמולט איז געווען א השגחה פרטית און א השגחה מיוחדת, אז בכל יום ויום פון די שבעת ימים פון יום החתונה (ווי ער איז אויסגעקומען בשנת תש"ז), האם זיך איינגעגעבן אז מ'זאל קענען אריינברייינגען צו כ"ק מו"ח אדמו"ר די ספרים פון רעם מיטעלן רבי'ן (זיינע דרושים ומאמרים) וואס מ'האט דעמולט איבערגעדרוקט אין שאנחאי (אין טשיינע - ווי מ'רופט דאס אן איצטער), און מ'האט זיי געבראכט אהערצו אין יענעם זמן.

"וואס דעמולט האט מען אפגעדרוקט כמה ספרים, און בכל יום האט מען אריינגעטראגן צו אים נאך א ספר, און דאס האט גורם געווען א נחת רוח גדולה.

און דאס האם אויך געגעבן א עידוד און א נתינת כח אויף רעם ענין - אז ס'זאל אנגעצייכנט ווערן דער ענין פון מלאת חמשים שנה."

(י"ד כסלו תשל"ט – שיחות קודש תשל"ט ע' 355 ואילך)

## "די וואס תואנה הם מבקשים"

"בא כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו איז געווען רגיל דער פתגם "צי גוט איז גוט - איז בעסער נים בעסער?!" -

"וואס דערפאר איז ניט קוקנדיק אויף אלע טעמים האמורים - איז וויבאלד אז ס'זיינען דא די וואם תואנה הם מבקשים, און מ'הויבט אן מיט דער טענה פון "חדש" וכו', אז ס'זיינען נייע מנהגים וכו', און דאס איז אן ענין מן התורה וכו' -

איז כדי צו באווארענען דעם ענין, און כדי צו מאכן אז פון גוט זאל ווערן בעסער און נאך בעסער - איז אזוי ווי זיינען דא די וואס זיינען בתוך שבעת ימי המשתה, און זיי דארפן פראוועו שבע ברכות, וואלט געווען א דבר טוב ונכון אז א מנין זאל זיך וואשן, און מ'זאל דערנאך פראוועו שבע ברכות. וואס דעמולט וועט מען ארויסגיין פון אלע ענינים של טענות ושקו"ט וכו'.

"און טאמער ס'וועלן זיך געפינען טוענים אויף דעמולט - וועט מען פראוועו מיט זיי דאס וואט מ'טוט בא שבע ברכות, אז "אגברו חמרי' אדרדקי כי היכי דלימרו מילתא כו", און ניט קטנים וואס זיינען מחדש ענינים, ווי די גמרא זאגט אין מסכת שבת אז די "דרדקי" "אמרו מילי דאפילו בימי יהושע בן נון לא אתמר כוותייהו", נאר עכ"פ קטנים וואס ווייסן אז מ'דארף פאלגן און נים פרעגן קיין קושיות, און פארלאזן זיך אז ווען מ'וועט עלטער ווערן וועט מען דעמולט פארשטיין.

"און אויב ס'איז דא מערער פון איינער וואט וועט פראוועו שבע ברכות - איז תבוא עליהם ברכה, און ווי געזאגט פריער אז מ'דארף זיין "טוב לב משתה תמיד", וכל המרבה הרי זה משובח.

"וואס דערפאר לאדענט מען איין דעם חתן פיט דער כלה מיט אלע קרובים וידידים, אז זיי זאלן זעהן אז א מנין זאל זיך וואשן, און דערנאך פראוועו שבע ברכות, און אויב ס'זיינען דא צוויי וואס דארפן פראוועו שבע ברכות, וועט מען דערנאך פראוועו די צווייטע שבע ברכות (מיט א הפסק בינתיים), ומתוך שמחה וטוב לבב.

"און אזוי ווי יעדער ענין דארף דאך זיין באופן מסודר, דארף מען זיך דאך צוגרייטן דערצו וכו' - איז כדי צו אויסנוצן די צייט כדבעי, וועט מען אויך זאגן אן ענין פון דברי תורה, וואס בנוגע צו חתן וכלה דארף דאך זיין דער ענין פון שמחה, וואס "פקודי ה' ישרים משמחי לב", וואס דאס איז נאכמער מוסיף אין דעם וואס "זוכה לתורה שניתנה בחמשה קולות", ומתוך שמחה וטוב לבב,

און דערווייל וועלן די חתנים און די כלות וכל השייכים להם זיך צוגרייטן, און ס'זאל זיין מיט א זריזות, און דער עיקר - אז ס'זאל זיין בשמחה אמיתית.

"און ממשיך זיין די שמחה על כל השנה כולה, ביז צו "שמחת עולם על ראשם" וואס וועט זיין אין די נישואין של הקב"ה עם כל אחד ואחת מישראל, די נישואין פון דעם אויבערשטן מיט כנס"י, ווי עס שטייט אין מדרש אז איצטער (אין דעם גאנצן זמן פון עוה"ז) איז דאס מערניט ווי דער ענין פון אירוסין, און לע"ל וועט זיין דער ענין הנישואין,

"אז ס'וועט זיין א בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה וואס אידן טוען און האבן געטאן, ביז "כמצות רצונך"."

(י"ד כסלו תשל"ט – שיחות קודש תשל"ט ע' 358 ואילך)

# תשמ"ז

## "שנה זו איז תשעים שנה פון דער חתונה"

"בנוגע צו די מאמרים פון די טעג - איז דאך שנה זו איז תשעים שנה פון דער חתונה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואס דעמולט האט זיין פאטער, דער רבי (מהורש"ב) נ"ע, געזאגט דעם המשך

"שמח תשמח". וואס דער המשך איז געזאגט געווארן אין חלקים: יעדער טאג פון די "שבע ברכות" האט ער געזאגט כמה פרקים פון דעם המשך, מיט א באזונדער ד"ה וסיום. וואט דערפון איז מובן אז אין ח"י אלול פון יענעם יאר (וואס ח"י אלול איז נאך אינמיטן די "שבע ברכות", וועלכע האבן זיך געענדיקט כ"ף אדער י"ט אלול) האם ער געזאגט א חלק פון דעם המשך."

(ח"י אלול תשמ"ז – שיחות קודש תשמ"ז)

# תנש"א

## "רגיל לקשר כל ענין עם נשיא דורנו"

"רגיל לקשר כל ענין עם נשיא דורנו כ"ק מו"ח אדמו"ר. והדגשה מיוחדת בזה בימים אלה - כיון שבימים הבאים בשבוע זה חל יום הנישואין של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו."

(י"א אלול תנש"א – תורת מנחם התוועדויות תנש"א ע' 206)

## "ועאכו"כ נישואין דנשיאי הדור, "הנשיא הוא הכל""

"והוספה מיוחדת בדורנו זה - שערב שבת זה("מי שטרח בערב שבת יאכל שבת"), הוא ביום י"ג(גימטריא ד"אחד") אלול, הוא, יום הנישואין דכ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו [ולפנ"ז(ביום רביעי,"קמי שבתא"), י"א אלול, יום הנישואין של אביו כ"ק אדנ"ע, ושממלא מקומו הוא בנו יחידו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו], ולאח"ז ובהמשך לזה (במוצאי שבת ט"ו אלול, יום התייסדות ישיבת תומכי תמימים ב(יום השלישי ד)שבעת ימי המשתה דנישואי כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו(בשנת נזר"ת) שממנו באה ההצעה לאביו לייסד הישיבה, ונתמנה ע"י אביו למנהל־פועל דהישיבה:

"נישואין דכאו"א מישראל (גם איש פרטי) הו"ע הקשור עם הנישואין דכנס"י והקב"ה בימות המשיח, שלכן מסיימים וחותמים השבע ברכות דנישואין בענין הגאולה: "מהרה כו' ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים וגו'", ועאכו"כ נישואין דנשיאי הדור, "הנשיא הוא הכל"", ובפרט נשיאים דתורת חב"ד, שמגלים פנימיות התורה באופו של הבנה והשגה, ועד לאופן ד"יפוצו מעינותיך חוצה", שעי"ז אתי מר דא מלכא משיחא"."

(י"ד אלול תנש"א – ספר השיחות תנש"א ח"ב ע' 806 ואילך)

# תשנ"ב

## "שבשנת הצדי"ק נעשית שלימות הנישואין"!!

"להעיר מהשייכות דשנח תרפ"ט ל"פרצת" — שהשלימות דהט' (שכל א' מהתשעה כלול מעשר) היא צ', די"ל שבזה מרומז שבשנת הצדי"ק נעשית שלימות הנישואין, שהו"ע הנישואין דכנס"י עם הקב"ה."

(ט"ז כסלו תשנ"ב – ספר השיחות תשנ"ב ח"א ע' 165)

# ברכות

## "...געזונטע און פריילכע חסידים.."

בס"ד. לשון הברכה לאנ"ש שי' שברכו אותו לרגל מלאות כ"ה שנים לנשואיו, ליל ש"ק פ' וישלח י"ד כסלו, אחרי תפלת מעריב, ה'תשי"ד.

**(לאחר שברכו את כ"ק אד"ש אמר:) אז עס וועט זיין געזונטע און פרייליכע חסידים, איז פון דעם וועל איך אויך זיין פרייליך.**

(שיחות קודש תשי"ד ע' תכא - רשימה פרטית בלתי מוגה)

## "זוכה זיין צו זיין צום יובל הששים"

ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א לאנ"ש שיחיו שברכו אותו לרגל יובל החמישים לנשואי כ"ק אדמו"ר שליט"א — י"ד כסלו ה'תשל"ט, אחרי תפלת המנחה.

**עס זאל מקויים ווערן (ווי געגרעדט נעכטן בארוכה) דער כל המברך מתברך בברכתו של הקב"ה, פון דעם אויבערשטן( אליין, וואס ברכתו איז אין אן אופן וואס "תוספתו מרובה על העיקר",**

**און ס'זאל אראפקומען למטה מעשרה טפחים, ובקרוב ממש,**

**און הערן בשורות טובות איש מרעהו.**

**(כשאמרו לכ"ק אדמו"ר שליט"א שנמצאים כאן כמה מאלה שהיו בעת החתונה — אמר:)**

**זאלן זיי זוכה זיין צו זיין צום יובל הששים.**

# מכתבים

## "...האיחולים והברכות בקשר עם יובל הנשואין"

...בנועם קבלתי האיחולים והברכות בקשר עם יובל הנשואין.

**ועל פי מאמר חכמינו ז"ל כל המברך מתברך בברכתו של הקב"ה שתוספתו מרובה על העיקר, יתברכו כל אחד ואחת מהם וכולם יחד מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה בכל המצטרך להם, ובפרט בהצלחה מרובה בלימודם תורתנו הק' ובקיום מצותי' בהתמדה ושקידה, ובהנהגה לדוגמא ולמופת,**

**וילכו מחיל אל חיל בהאמור באופן דמוסיף והולך, כהוראת ימי חנוכה הבאים עלינו ועל כל ישראל לטובה, שמצותם הדלקת נר חנוכה באופן דמוסיף והולך ואור מיום ליום.**

**בברכה לבשורות טובות בכל האמור ולימי חנוכה מאירים, מאירים בכל ימות השנה כולם.**

(ממכתב ערב חנוכה, ה'תשל"״ט – לקו"ש חט"ו ע' 512)

## "לפלא שדוקא "מרקדין" ...לא נזכר כאן!"

### דו"ח מהתוועדות חסידים שנערכה בי"ד כסלו תשל"ט - יובל החמישים

ב"ה ט"ו כסלו תשל"ט

כ"ק אדמו"ר שליט"א

אתמול בשעה 9:30 בערב סדרתי מטעם צאגו"ח התוועדות חסידים בבית המדרש ב770 עם סעודה שלמה חלות ועופות וכו'. וב"ה שהי' ברוב עם וגם השתתפות מערי השדה, וקודם ההתוועדות של כ"ק אדמו"ר שליט"א אור לי"ד כסלו הכרזתי ברבים אודות שמסדרים התוועדות חסידים באור ט"ו כסלו.

הדיבורים הי' ע"י רמקול, ביקשתי את הר"ר ר' שלום שי' מרזוב ולמד את המאמר לכה דודי תשי"ד שיצא עכשיו לאור, למד את כל המאמר, ביקשתי את הר"ר מרדכי שי' מענטליק שהי' בהחתונה בתרפ"ט שיספר מה שזוכר ודיבר ועשה רושם גדול ואח"כ עורר אודות התעסקות בלימוד נגלה וחסידות ועבודת התפילה והתעסקות בהפצת המעיינות והמבצעים.

אח"כ התוועד הררש"ד שי' רייטשיק, הרר"י שי' כהן, הררי"ל שי' גראנער, הרר"א שי' קארף והנני. וב"ה שהי' מסודר אמרו לחיים ניגנו ניגונים . . .

דוד בן דרויזא ראסקין

מענת כ"ק אד"ש:

**לפלא שדוקא "מרקדין" שהוזכר בפירוש וכמ"פ בנוגע [כאן עשה חץ והקיף תיבת "בהחתונה" שבתוך הדו"ח:] לא נזכר כאן !**

(נדפס בקובץ אהלי תורה – הערות וביאורים גליון 1153)

# יומנים

## תשי"ד

- עשרים וחמש שנה -

### "באמצע איז געווארן א טומל אז דער רבי וועט ארויסגיין"

בשנה זו נתמלאו כ"ה שנה, חצי יובל, מחתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א, לאריכות שנים בהצלחה בכל עניניו. ולרגלי זה, נכנסו אליו כמה מאנ"ש בליל ש"ק אחרי תפלת ערבית ווינטשן אים... (לברך אותו) כ"ק שליט"א ענה: אז עם וועט זיין געזונטע און פריילעכע חסידים, איז פון דעם וועל איך אויך זיין פריילאך. (כשיהיו החסידים בריאים ושמחים זה יגרום גם לי להיות שמח).

בש"ק בבוקר אחרי התפלה הי', קידוש בביהכ"ס, היינו סתם קידוש שעשו אנ"ש. הרבה הלכו אחרי התפלה לביתם, והרבה התפללו, ולההתועדות ישבו רק חמשה ששה אנשים. באמצע איז געווארן א טומל, אז דער רבי וועט ארויסגיין. כמובן שמיד סידרו השולחנות, און מען האט פארכאפט ערטער (אף שהי' א קליינער עולם, כי לא ידעו מקודם), (באמצע נהיה "רעש" כששמעו שהרבי ייצא להתועד כמובן שמיד סדרו השולחנות ותפסו מקומות, למרות שהיה קהל קטן שהרי לא ידעו מקודם) וכעבור איזה רגעים, נכנס כ"ק שליט"א לביהמד"ר וישב על מקומו. זה הי', בשעה 12:45 וישב עד 4:15.

כולנו האבן געהאלטן פארן דאווענען, (היינו לפני התפילה) וכ"ק שליט"א ידע מזה, כי אמר באמצע ההתועדות: די וואס האלטן נאך שחרית זאלן מאכן קידוש און די וואס האלטן פארן דאווענען זאלן אזוי זאגן לחיים. (אלו שאוחזים אחרי שחרית שיעשו קידוש ואלו שאוחזים לפני שחרית שיאמרו סתם כך לחיים) ואחרי ההתועדות נשאר כחמשה עשר רגעים לשקיעת החמה. והתפללו מנחה, ואנחנו, האבן יעמולט געדאווענט, שחרית מוסף ומנחה, פארשטייסט דאך אז ס'איז געווען דער אמת'ע דאווענען, אבל זה הי' ווערט.

כ"ק שליט"א עשה קידוש. אמר לחיים,

צוה לנגן, ואח"כ אמר דא"ח ד"ה וכל בניך. אחרי כל השיחות הארוכות אמר:

א חתונה איז א ענין כללי בא א איש פרטי, בא מיר אבער איז דאך נאך דעם האט מען מיר אריין געצויגן אין ענינים כללים דורך דעם (היינו ע"י החתונה), איך מאטער זיך און איהר מאטערט זיך, דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זעהן פרי טוב בעמלינו - זאגט דעם בעש"ט'ס תנועה, (חתונה הוא ענין כללי אצל איש פרטי, אצלי, אבל, הרי אח"כ "משכו" אותי ע"י כך לענינים כלליים, אני מעייף את עצמי ומעייף אותכם. יעזור הקב,"ה שנראה פרי טוב בעמלינו - תגידו את ה"תנועה" של הבעש"ט) אחרי ניגון הבעש,"ט צוה לנגן את הבינוני, אח"כ את הניגון אני מאמין, אח"כ ניגון אדה"ז של הד' בבות. אח"כ אמר: זאלן די בחורים זאגן לחיים און בעטן הצלחה אויף נגלה און חסידות. (שהבחורים יגידו לחיים ויבקשו הצלחה בנגלה ובחסידות) אח,"כ צוה לנגן הניגון ניע זשורצי חלאפצי.

(יומן ר' יואל שי' הכהן כהן)

# תשל"ט

– חמישים שנה –

## "... והודיעו שבשעה 9:30 תתקיים התועדות"

**יום ד' י"ג כסלו**: על פי הוראת כ"ק אדמו"ר שליט"א נדפס קונטרס דרושי חתונה (תרפ"ט וכן קונטרס השיחות דתשכ"ט (בקשר לשנת הארבעים דאז). נדפס על נייר צהוב. כן הגי' כ"ק אדמו"ר שליט"א את שיחת י"ג אלול תשי"ד, שמבאר שם את המאמר לבה דודי תרפ"ט, ויצא לאור בקונטרס לבה דודי תשי"ד. נוסח ההקדשה: "לזכות כ"ק אדמו"ר שליט"א והרבנית חי' מושקא שתליט"א ליובל החמישים ליום החתונה (תרפ"ט - י"ד כסלו - תשל"ט) לאריכות ימים ושנים בריאות ויהי רצון שיראה הרבה נחת מתלמידיו חסידיו ומכלל ישראל וינהיג את בולנו מתוך בריאות הרחבה ונחת ובקרוב ממש יוליכנו קוממיות לארצנו הקדושה".

אחרי תפלת ערבית קרא כ"ק אדמו־ר שליט"א לרב חודקוב והודיעו שבשעה 9:30 תתקיים התועדות.

בשעה 9:30 נכנס כ"ק אד"ש להתועדות.

(כשהרב מענטליק מזג את הכוס יין הוסיף מהיין שכ"ק אדמו"ר שליט"א לקח עמו בהתועדות אחרונה במוצש"ק).

בניגונים רמז בראשו להגברת השירה, הורה לכמה אנשים להגיד לחיים וחייך אליהם.

אמר שהחתנים שנכחו בעת ההתועדות שיעשו שבע ברכות, החתנים עשו שבע ברכות ובין חתן לחתן אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א שיחה,

צוה לנגן ניגון מאמר ואמר מאמר ד"ה אשר ברא ששון וגו'.

בניגונים ששרו אחרי השבע ברכות (ניגונים הקשורים לחתונה) - רמז בראשו להגברת השירה.

צוה לנגן: לכתחילה אריבער (אמר שיחה), ד' בבות (בבא רביעית פעם אחת), ניע זשורצי, פרזות תשב (והורה בידו להגברת השירה), התחיל לנגן ניעט ניעט ומחא כפיו הק'. טרם צאתו התחיל לנגן כי בשמחה תצאו.

ההתוועדות הסתיימה בשעה 12:17.

**יום ה' י"ד כסלו – יום הבהיר:** בקריה"ת קראו בס"ת של משיח, האורחים שהגיעו לקראת יום הבהיר – ברכו ברכת הגומל.

נסע לאוהל בשעה 2 (לפני שנסע לאוהל מסר הרב אברהם שם-טוב מכתב הוקרה מהנשיא קרטר לקראת יום הבהיר). חזר מהאוהל בשעה 5:15.

אחרי תפלת מנחה נכנסו לג"ע התחתון זקני אנ"ש וברכו את כ"ק אדמו"ר שליט"א לקראת יום הבהיר י"ד כסלו (אמרו שיש כאן אנשים שזכו להיות אז בחתונה),

אח"כ אמר להם ב"ק אדמו"ר שליט"א;

"עס זאל.. יובל הששים".

בערב התקיימה מסיבת חסידים לרגל י"ד כסלו. כשכתבו (צא"ח) לכ"ק אדמו"ר שליט"א דו"ח אוודת ההתוועדות הזו, שאל כ"ק אדמו"ר שליט"א מדוע לא היו ריקודים? [ראה לקמן הנוסח המדוייק של המענה בצירוף הדו"ח של ההתוועדות]

הנוסחו שכ"ק אדמו"ר שליט"א עונה בעד האיחולים: "נת' ות"ח ודבר בעתו - בחודש הגאולה הוא חודש הגאולה ביום י"ד-ט"ו בו. אזכיר עה"צ. ת"ח על הברכות וכבר מילתי' אמורה בתוה"ק: ואברכה (ה' מקור הברכות) מברכיך, בברכתו של הקב"ה שתוספתו מרובה על העיקר".

**יום א' י"ז כסלו:** בערב כשכ"ק אדמו"ר שליטט"א נסע לביתו רקדו ושרו בזאל – לאחר והתקיים שבע ברכות לא' מהחתנים שהתחתן באותו שבוע [ראה בהשיחה דהתוועדות י"ד כסלו תשל"ט בפרטות עד"ז], כשכ"ק אדמו"ר שליט"א יצא הורה בידו להגברת השירה ("אשר ברא ששון") בחוזק לאורך כל הדרך עד למכונית.

**יום ב' ח"י כסלו:** בערב כשכ"ק אדמו"ר שליט"א נסע לביתו (בשעה 12:20) רקדו ושרו בזאל (לקראת י"ט כסלו ולרגל שבע ברכות שהתקיימה אותו שעה), והורה בידו להגברת השירה.

(יומן שיחות קודש תשל"ט החדש)

# תשמ"א

## "הרבי המשיך לעודד את השמחה גם כשהלך ברחוב"

**ליל ש"ק, י"ד כסלו**: כשהלך הרבי לביתו שרו הת' את הניגון "מהרה ישמע" (י"ד כסלו הוא יום חתונת הרבי, בשנת תרפ"ט) והרבי הניף את שתי ידיו כאות להגברת השמחה. הרבי המשיך לעודד את השמחה גם כשהלך ברחוב.

(יומן שנת הקהל בבית חיינו)

# תשמ"ט

– ששים שנה –

**"...כשכל כולו נרגש, נרעש ונפחד לגודל המעמד ועיתוייו הנוראי, השמיע את הברכה"**

בחלוף שנה בדיוק בי"ד כסלו תשמ"ט, הי' זה תוך כדי שנת האבילות על הרבנית, או אז הוכן למפרע האיחול של הרבי, בעת הברכה עשר שנים קודם לכן, "מ'זאל זוכה זיין צו שנת השישים"...

באותה שנה, תשמ"ט, התקיים דיון ער בין בכירי החסידים האם יש טעם לגשת אל הרבי ולשאת ברכה, נוכח הסתלקות הרבנית. בפועל, החליטו לעשות כן חרף הנסיבות הקשות, כשאיש אינו יודע מה תהי' תגובת הרבי על כך.



סרט הווידאו שמנציח את העמד מעיד כאלף עדים על ההתרגשות הרבה שהייתה נסוכה בפניו של סבי [הרה"ח ר' שניאור זלמן גורארי ע"ה], בקולו ובכל חזותו, באותם רגעים.

הוא התייצב בפנים אל מול הרבי ובקול בוכים, כשכל כולו נרגש, נרעש ונפחד לגודל המעמד ועיתוייו הנוראי, השמיע את הברכה, כשהוא נשנק מבכי שוב ושוב וכל ארכובותיו דא לדא נקשן.

בתחילת דברי הברכה הסביר סבי את פשר עצם הברכה ליום זה למרות שהרבנית איננה עמנו עוד.

כשהרבי פתח בשיחת קדשו, כמענה לברכה, חייך תחילה הרבי חיוך רחב ובכך, באחת, פוגג את המתח העצום שהי' על פניו של סבי עד כי ניתן הי' למששו בידיים. בסרט ניתן לראות במוחשיות את ההקלה שנחה על פני כל הנוכחים הסמוכים למראה החיוך הרחב שנח על פניו הקדושות, כמו היו אלו טללי תחי שהשיבו את הציבור כולו מתחושת המועקה שבה היו נתונים.

מיד לאחר השיחה, נשכב סבי על הספה בסלון הבית, לנוכח נפילת המתח שהסבה לו חולשה נוראית.

(מראיון עם ר' יוסף יצחק שטערבערג – נדפס בבית משיח גיון 1141)

# תשנ"ב

## "וכ"ק אדמו"ר שליט"א חילק למעלה מ-11,000,- קונטרסים!"

**יום ראשון, י"ז כסלו:** בוקר כבר התבהרו הפרטים, ונודע בבירור שתתקיים היום חלוקת קונטרס, והוא - קונטרס "דרושי חתונה" תרפ"ט (בהמשך ליום הבהיר י"ד כסלו), ביחד עם שני דולר שליחות מצוה לצדקה.

אחרי התפילה נכנס כ"ק אדמו"ר שליט"א לחדרו הק', וכעבור 10 קות לערך יצא לחלוקת הקונטרס בפתח חדרו הק' (מעל שולחן החלוקה שהי' צמוד לפתח ומכוסה במפה לבנה), והסדר הי' כמו בחלוקה של קונטרס כ' מרחשון וכבחלוקת הלעקאח בערב יוהכ"פ (ולא כבחלוקת השטרות לצדקה הקונטרס נדפס בהוצאה מיוחדת בכריכה בצבע תכלת ועל נייר משובח, ובאותיות אדומות מרהיבות עין נדפס עליו: "קונטרס דרושי



חתונה", והוא כולל את מאמרי כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ שנאמרו בקשר לחתונת כ"ק אדמו"ר שליט"א בכסלו תרפ"ט, וכן הוספות: מאמרי כ"ק אדמו"ר שליט"א המיוסדים (וביאור) על דרושי חתונה הנ"ל - ד"ה "לכה דודי" תשי"ד וד"ה "אשר ברא ששון ושמחה" תשל"ט. תאריך הפתח דבר הוא: "ועש"ק וישלח ט"ו כסלו, ה'תשנ"ב". כל קונטרס הי' ארוז בתוך נרתיק פלסטיק, יחד עם הדולרים לצדקה.

החלוקה ארכה כחמש שעות, מהשעה 1:28 עד השעה 6:24 וכ"ק אדמו"ר שליט"א חילק למעלה מ-11,000,- קונטרסים! [כנראה שזו היתה החלוקה הכי גדולה עד עתה; יותר אפילו מחלוקת התניא ביו"ד שבט שנת הארבעים שאז חילק כ-10,200!].

בסיום החלוקה הכניס כ"ק אדמו"ר שליט"א שני ספרים שהובאו במהלך החלוקה לחדרו הק', חילק לעוד כמה שלא קיבלו, ונכנס לחדרו הק' - מבלי לקחת לעצמו קונטרס.

(יומן דברי משיח תשנ"ב ח"ב)

# תשנ"ג

## "לפתע החל לעודד בחזקה לכאן ולכאן ... ו770 הי' על גלגלים"

בשעה 4:53 נודע ע"ד מעריב ובשעה 4:58 נכנס כ"ק אד"ש מה"מ אל החדר המיוחד והתחילו בתפילה.

עם סיום התפלה, כנהוג בי"ד כסלו מידי שנה שמברכים את כ"ק אד"ש מה"מ לרגל יום חתונתו, ניגש הרה"ח ר' שניאור זלמן שי' גורארי', מזקני החסידים, אל מיקרופון ובשם אנ"ש די בכל אתר ואתר, שלוחים, מקושרים, נשי חב"ד וכו' בירך את כ"ק אד"ש מה"מ שכח הדיבור יחזור עוד יותר ממה שהי' לפני"כ, וכפי שהרבי עצמו אמר על יום זה ש"זהו היום שקישר אותי עם החסידים" שנזכה עוד ביום זה להתגלות מלך המשיח תיכף ומיד (וכ"ק אד"ש מה"מ ענה אמן והניד בראשו הק' פעמיים) ובאופן של עד מהרה ירוץ דברו (וכ"ק אד"ש מה"מ ענה אמן) ו"יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד" (ושוב ענה כ"ק אד"ש מה"מ אמן והניד בראשו הק').




במשך כל זמן הברכה הניד כ"ק אד"ש מה"מ בראשו הק' והביט לעבר הקהל ולעברו של ר' זלמן. כן התרומם מכסאו לראות את העומדים למטה ובסיום הברכה, כשאמר כל הקהל "לחיים", ענה כ"ק אד"ש מה"מ לחיים והניד בראשו הק'. הקהל החל לנגן "מהרה ישמע" וכ"ק אד"ש מה"מ עודד בתנועות ראשו הק'.

לפתע החל לעודד בחזקה לכאן ולכאן, קדימה ואחורה והקהל והכנר הגבירו את שירתם. כ"ק אד"ש מה"מ עודד ביתר חוזק והקהל המשיך להגביר את השירה עד שלקראת סיום הניף את ידו הק' בתנועות (לא גדולות אך) מהירות במיוחד ו770 הי' על גלגלים. לסיום ממש עודד שוב כשש תנועות בידו הק' ועשה את התנועה הידועה לסגירת הוילון. משך זמן הגילוי היה כחמש דקות.

(יומן בית משיח 770)

# מכתב צא"ח המרכזית

## "אנ"ש והת' שיחיו זאלן געבן א "מתנה" דעם רבי'ן שליט"א"

T.l. HYacmth 3 9251 PR«.id.nt 1-4270

TZEIREI AGIIDAS CHABAD

LUBAVITCH YOUTH ORGANIZATION

צעירי אגודת חב"ד

כ"ק אדמו"ר שליט"א מליובאוויטש

*Under the Auspices of The Lubavitcher Rabbi שליט"א*

770 EASTERN PARKWAY• BROOKLYN 13, N. Y

ב"ה. י"ד מ"ח ה'תשל"ט

כבוד ידידנו הנעלה שי'.

שלום וברכה!

אין צוזאמענהאנג מיט דעם וואס היי יאר י"ד כסלו, תשל"ט, איז דער פופציקסטער יארטאג - יובל - פון דעם יום הנישואין פון כ"ק אדמו"ר שליט"א מיט הרבנית שתליט"א - י"ד כסלו תרפ"ט -

איז ביי דער לעצטער התוועדות חדשית פון צעירי אגודת חב"ד (מוצאי ש"ק פ' נח) באשלאסן געווארן, אז אנ"ש והת' שיחיו זאלן געבן א "מתנה" דעם רבי'ן שליט"א וואס זאל באשטיין פון א ספעציעלער הוספה אין לימוד התורה און נתינת הצדקה (אין דעם סכום פון חמשים)

דער דאזיקער באשלוס איז בהתאם מיט דעם וואס דער רבי שליט"א האט, אין דער שיחה פון ט"ז כסלו תשכ"ט, באטאנט די וויכטיקייט פון מחזק זיין און מאשר זיין א ברכה דורן לימוד התורה און נתינת הצדקה. די דאזיקע שיחה איז געזאגט געווארן אין שייכות מיט די ברכות וואס זיינען אויסגעדריקט געווארן דורך פיל פון אנ"ש שיחיו צום יובל הארבעים לנישואי כ"ק אדמו"ר שליט"א, און וואט האבן גלייכצייטיק איבערגעגעבן סכומים פון ארבעים לצדקה און אויך אנגענומען א הוספה אין לימוד התורה .

אין דער דאזיקער שיחה האט דער רבי שליט"א אויך אונטערשטראכן די גרויסע חשיבות פון דעם וואס די ברכות (און אזוי אויך די הוספה אין תורה און צדקה) זיינען געקומען "פון א ציבור און אלס א ציבור (און ניט אלס יחידים בפני עצמם)", היות אז דאס איז אן ענין פון "תפילה בציבור". און וויבאלד אז די "תפילה בציבור" איז געווען פארבונדן אויך מיט תורה און צדקה - איז דאך דאס אן ענין פון "כל העוסק בתורה ובגמ"ח ומתפלל עם הציבור", וואס "דורך דעם טוט מען אויף דעם "פדאני לי ולבני מבין האומות" (ברכות ח,א), בגאולה האמיתית והשלימה דורך משיח צדקנו, בקרוב ממש".

אין ליכט פון די ווערטער פון דער דאזיקער שיחה קדושה, איז איבעריק צו באטאנען די גרויסע וויכטיקייט (און דעם גרויסן זכות) אז אויך (און מכל שכן) דעם מאל - לכבוד יובל החמשים -

זאל יעדער איינער פון אנ"ש שיחיו זיך באטייליקן אין דער הוספה מיוחדת בלימוד התורה ונתינת הצדקה. און בכדי אז דאס זאל האבן אין זיך די מעלה פון "העוסק בתורה ובגמ"ח ומתפלל עם הציבור" - זאל יעדער משתתף צושיקן צו צעירי אגודת חב"ד דעם באשטימטן סכום (פון "חמשים") און גלייכצייטיק מודיע זיין וועגן דעם אנגענומענער (בל"נ) הוספה אין לימוד התורה, צוזייכענענדיק דערביי זיין נאמען (און מוטער'ס נאמען און פאמיליע נאמען), בכדי עם איבערצוגעבן צום רבי' ן שליט"א אין דעם טאג פון י"ד כסלו.-

היות ווי עס איז מהראוי אז די הוספה אין לימוד התורה זאל זיין איןביידע חלקי התורה - סיי אין נגלה דתורה און סיי אין פנימיות התורה ווי דער רבי שליט"א איז עס מדגיש אין דער אויבנדערמאנטער שיחה - איז באשלאסן געווארן אז די הוספה אין לימוד הנגלה זאל זיין אין הלכות תפלין און הלכות ק"ש אין אלטן רבינ'ס שו"ע: און די הוספה אין לימוד החסידות - אין די מאמרים פון שנת תרפ"ט, און ספעציעל אין די "דרושי חתונה" (געדרוקט אין ספר המאמרים קונטרסים חלק א'), און לערנען קונטרס אהבת ישראל.

ביי דער דערמאנטער התוועדות פון צעירי אגודת חב"ד זיינען אויך געווען די הצעות, אז אין צוגאב צו דער הוספה אין תורה און אין צדקה (צום יובל פון י"ד כסלו) - זאלן אנ"ש והתמימים שיחיו אונטערנעמען צו טאן מיט דער גרעסטער השתדלות וביתר שאת ויתר עז אין די ענינים וואס זיינען ביים רבי'ן שליט"א אזן, טייער דהיינו: די באוואסטע צען מבצעים: מבצע "אהבת ישראל"; מבצע "חינוך"; מבצע "תורה"; מבצע "תפילין"; מבצע "מזוזה"; מבצע "צדקה"; מבצע "בית מלא ספרים - יבנה וחכמי'; מבצע "נרות שבת קודש"; מבצע "כשרות האכו"ש

מבצע "טהרת המשפחה" - ווי אויך אין דער הפצה פון דעם ליקוט פון די "צוועלף פסוקים און מאמרי רז"ל" אין איבערזעצונג פון פארשידענע שפראכן, און דאס זאל דערגרייכן צו אלע אידישע קינדער אין דער גאנצער וועלט.

* * *

ויהי רצון אשר יחזק השי"ת את בריאות כ"ק אדמו"ר שליט"א ומשפחתו האצילה ויאריך ימיהם ושנותיהם בטובה ומתיקות וינהיג את כל ישראל בכלל ואת אנ"ש ותלמידי התמימים בפרט בהצלחה מרובה ויוליכנו בקרוב ממש קוממיות לארצנו הק'.

צעירי אגודת חב"ד המרכזית



שיחה לאחרי מעריב, י"ד כסלו תש"נ

## רשימת מאורעות החתונה - כפי אשר העתיק כ"ק אדמו"ר שליט"א, בקיצור, מרשימת הרב שמואל זלמנוב, שהייתה בידי הרב משה פנחס כ"ץ:



רשימה קצרה מהחתונה יד' כסלו פ"ט ורשא. קצור מרשימת רש"ז שי' (?) שאצל רמ"פ שי' כץ.

בשעה ז' בקר יום ב' יג' כסלו בא כ"ק אד"ש עם כב"ב שי' - לבד הרבנית והכלה שי' שהיו מקודם בורשא - וגם החתן שי' לורשא. בין האורחים היו ג"כ חותן כ"ק אד"ש הרה"ח הר"א שי' ומחו' הרמ"מ שי' גו"א. בשעה הח' בערב סעודת "חתן מאהל" בשביל תלמידי תו"ת ביחוד במעון הישיבה. נוכחים: כק"ש, חותנו, החתן, דוד כק"ש הרמה"כ שי' הארענשטיין וכו'. בתוך הסעודה מאמר וכל בניך גו' - [נדפס קונ' ב'. ועיין בשיחת יט"כ פ"ט מה שנתחדש על הנאמר בש"פ ויצא] אחר המאמר נגונים עד אח"צ לילה. אחר ברהמ"ז אמר כק"ש שברצונו גיין אטאנץ עם תלמידי הקבוץ עשו עיגול גדול וכק"ש רקד עם המקורבים והתמימים יחיו. אח"כ הכריז יו"ר ועד הישיבה רש"פ זאלמאנאו בשם כל התמימים משגיחים מנהלים של הישיבה מז"ט מז"ט לכק"ש לכל המחותנים וכו'. למחרתו יד' כסלו

שעה ה׳ ערב התחלת קבלת פנים במעון הישיבה. בראש השלחן - ע״פ ציווי כק״ש ולמרות בקשת החתן - החתן, מימינו כק״ש ובשטריימעל, משמאלו הרה״ח הר״א ש״ס. אחרי שעה קלה פתח כק״ש: ידוע ומפורסם אז בעת כו׳ ואמר המאמר לכה דודי [כ״ז בקונ׳ ב׳]. אחרי הדא״ח הלך כק״ש עם החתן לחדר מיוחד שהו שם שעה קלה. משם ״באדעקענס״ ומשם להחופה בחצר הישיבה תחת כיפת השמים. בעת ההליכה להחופה ציוה כק״ש לנגן ניגון אדה״ז דד׳ בבות וגם כק״ש בעצמו שר. סידור קידושין וכל הז׳ ברכות כק״ש. אחרי החופה - כק״ש חו״כ וכל המחותנים סרו למעון הישיבה לנוח מעט, וכל הקרואים לאולם גדול - במק״א - ששם הוכנה הסעודה, כרצון כק״ש שרק חלק הרוחני יהי׳ במעון הישיבה. כעבור שעה ויותר באו גם כק״ש חו״כ וכו׳ לשם. משקה ומזונות. כק״ש הלך סביב השולחנות ויחלק משקה לכאו״א בברכה. בגשתו למקום עמידת תלמידי הישיבה ציוה להמשגיח ר״א שימחאוויץ לחלק משקה לכ״א מהתלמידים ויאמר: תמימים אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עלי׳, קיום התורה בא ע״י היגיעה דוקא. לימוד התורה בכלל הוא ע״י היגיעה דמי שמתיגע בא על עומק הדבר, דגם מי שיש לו שכל טוב שכל דק ובהשקפה ראשונה לוקח הענין בטוב, מ״מ מי שאין שכלו טוב כ״כ אבל מתיגע על השכל בא על העומק יותר, לפי שתורה היא חכ׳ פי׳ אלקות, דגם שכל הנגלה שבתורה הוא אלקות. ובשביל זה הוא מה שבאים בגלות. הגלות הוא בישראל בכלל ולומדי תורה בפרט ואתם תמימים בפרט, יש בזה אריכות דברים נאר ניט דא איז דער ארט פון דעם און ניט יעצט איז דער זמן דערפון, ועיקר קיום התורה הוא במי שממית עצמו עלי׳, תדעו תמימים שעליכם לבטל עצמכם מכל וכל און אויף דעם גייט איהר, תלמדו תורה ביגיעה, גם בנגלה, וכן תלמדו חסידות ולא שתשאר רק ההשכלה לבדה רק תבוא לידי פועל, הפי׳ במדות טובות ואז הנני מברך אתכם, איהר זאלט גיהאלפען וערען בכל הענינים הנצרכים לכם ותאריכו ימים ושנים כו׳. אחרי הפסקה דא״ח אשר ברא ששון [קונ׳ ב׳] ונמשך עד חצות לילה. נט״י לסעודה. באמצע הסעודה ציוה כק״ש לא׳ התמימים לחלק משמו תשורה לכאו״א מהנאספים פוטו ממכ׳ גכתי״ק אדה״ז בצירוף מכ׳ מכק״ש. ניגונים בכלי זמר. גמר הסעודה אחר שעה ו׳ בקר. ביום ד׳ שעה ו׳ ערב סעודת ז׳ ברכות באולם זה. בסעודה זו נוכחים הרבה מאדמור״י פולין ושלחן מיוחד עבורם ובראש השלחן כק״ש הרה״ח ר״א ש״ס והחתן. באמצע הסעודה ציוה כק״ש לנגן הניגון דד׳ בבות במתינות וגם כק״ש והרביים שוררו. אחר ברהמ״ז ריקוד כק״ש עם הרביים והרבנים. אחרי שעה קלה המאמר כל הנהנה [קונ׳ ב׳]. למחר שעה העשירית בקר נסע כק״ש עם כב״ב שי׳ לביתו ריגא.

## תאריך הפתח-דבר לספר המפתחות ל"ספר הליקוטים דא"ח צמח צדק"

ב"ה.

פתח דבר

עפ"י הוראת כ"ק אדמו"ר שליט"א – מדפיסים אנו כרך מפתחות ל"ספר הליקוטים – דא"ח צמח צדק"*, הכולל:

א) תוכן ומפתח הערכים שבכל הכרכים.

ב) הוראת השימוש למפתח ענינים של המשך תער"ב – הנעתק בסוף הערכים.

ג) לוח התיקון לכל הכרכים.

ד) רשימת ראשי תיבות.

כל הנ"ל נערך ע"י קבוצה מהלמידי ישיבת תומכי תמימים המרכזית.

מערכת "אוצר החסידים"

ה'ז יד כסלו ה'תהי' שנת דברי משיח
יובל הנ"ה דיום החתונה של כ"ק אדמו"ר שליט"א

ברוקלין נ.י.

בסיום הפתח-דבר שהכניסו להגהת כ"ק אדמו"ר שליט"א, כתבו: "יובל הנ"ה דיום החתונה של כ"ק אדמו"ר שליט"א"; והשאירו מקום חלק, בו ימלא כ"ק אדמו"ר שליט"א את התאריך, כרגיל.

כאשר מילא כ"ק אדמו"ר שליט"א את התאריך, כתב:

**ה"ז יד כסלו**, ה'תהי' שנת דברי משיח
יובל הנ"ה דיום החתונה של כ"ק אדמו"ר שליט"א

ברוקלין, נ.י.

## תאריך הפתח-דבר לס' המנהגים בתרגום לאנגלית:

* * *

In making the present translation public, we are confident that the English reader will find this long-awaited elder chassid at his elbow approachable, instructive and authoritative.

Sichos In English

________, 5752

י"ד כסלו

י"ד כסלו

# הוספה

## מכתבים של א' הת' (בפרסום ראשון)

**בס"ד יומן אייר-סיון תשמ"ז**

**ג' בהעלתך כ' אייר**

.. היינט איז יעקב ווינער געווארן א חתן צו נ. גוראַרי פון מאנטרעאַל'ס טאכטער ..

היינט זיינען די 12 שלוחים געפארן צו קאראקאס ..

דערווייל‏ע זיינען די שלוחים פון קאליפארניא נאך ניט ארויס אפיציעל ..

בנוגע דער ליקוט וואס דו שרייבסט אז דו האסט דאס נאך ניט געקראגן דורכן FAX - עס קומט פשוט ארויס פון רבי'ן זייער שפעט, אזוי טעהנ'ט דער וועד ..

בנוגע די שלוחים צו צפת קען איך דיר נאר זאגן איין נאמען וויבאלד אז איך וויס נאר איין נאמען - דאס איז ישראל בוימגארט ..

היינט איז י.מ. טרייטעל אפגעפארן קיין קאראקאס ..

איך וועל זען צו קריגען בילדער פאר דיר פון דער פאראד אין נ.י. .. איך האב פארגעסן צו שרייבן דיר אז ל"ג בעומר איז געווען גאר א שיינער טאג, עס האט געברענט א זון (אלע זיינען טאקע געבליבן מיט פארברענטע פנימ'ער), אבער עס איז ניט געווען שטיקיק, **אינגאנצן ניט**, איך האב בכלל ניט געשוויצט ..

.. פארט נאך שבת זיכער אבער די שאלה איז נאר ווען נאך שבת, האב איך באשלאסן צו דיקן דיר דעם בריוו מיט די הנחה פון פסח-שני דורכן פאצט ..

**כ"א אייר**

.. דער טעם פארוואס איך קען זיך יעצט זעצן שרייבן אין מיטן סדר איז וויבאלד אז מען פארט יעצט מיט א באס צום לופט פארט זיך צו געגעגענען מיט די שלוחים צו מעלבורן ..

מן הסתם ווייסטו אז דער רבי האט ארויסגעשיקט א ברכה פארן פאראד ? עש"ק פ' אמור, דער לשון איז "אעה"צ שיהי' ביותר מן המשוער וביותר מן היותר" עכ"ל.

דער רבי האט געזאגט י. י. העכט אז עס האט זיך געלוינט שטיין די 3 שעה אויפ'ן גאס.

דער רבי האט געזאגט י. י. העכט (דאס האב איך געהערט פון ..) אז ער האט ניט געזען זיין פרוי בא דער פאראד!!!!

נעכטן האט הרב וואלבערג פארבראכט מיט די שלוחים וואס פארן יעצט קיין מעלבורן (זיי פארן קיין א"י און זונטיק פארן זיי אין מעלבורן).

מער פרטים וועגן דער דידן נצח ווייס איך ניט.

ווי איז געווען בא אייך דער T.V. אין סידני פון דער פאראד?

ח"ב אגרות איז ארויס פון בוכבינדער פרייטיג און איך האב ניט פארכאפט צו קריגן, סוף נעקסטן וואך דארף אנקומען נאך, ומה שיהי' יהי' . .

נ.ב. איך האב דיר פארגעסן שרייבן אז דער בית יעקב האט געשריבען אויפן הימל מיט אזעלכע לופט אותיות אין א צורה פון א לבנה אין ענגליש "בית יעקב אוו ברוקלין סאלוטס דער ליובאוויטשער רבי", עס איז פשוט געווען א מורא'דיקע ציור ווי דער רבי האט ארומגעקוקט אויפ'ן הימל צו לייענען דאס . .

איך האב היינט געהערט אז י. י. העכט האט דערציילט דער רבי אז בא דער 'פערעסווייל' - כידוע לאזט מען אראפ איינע - אז בא איינע, איז בשעת מען האט אראפגעלאזן די קינדער פון 'פערעסוויל', איז פון אויבן געווען א קינד א גרויסן פחדן, האט ער אויסגעשריען שמע ישראל וכו', האט דער רבי געזאגט י. י. העכט אז פאר דעם אליין האט זיך געלוינט דער גאנצע פאראד.

דער רבי האט אויך געזאגט אז מען זאל מאכן א אלבום פון פאראד און דער רבי וועט צאלן פאר דעם.

**אור לאסרו חג**

אזוי ווי עס איז ערשט געוועוען א יום-טוב וואס איז ממש געווען א יום-טוב פון גילויים האב איך באשלאסן צו זעצן זיך שרייבן יעצט צו דיר כאטש אז עס איז אזוי שפעט.

כוס של ברכה האט זיך אנגעפאנגען לערך 12 אזייגער און האט זיך געענדיקט 3:05.

. . בשעת דער רבי האט געוואלט אנגעהויבן כמדומה די דריטע שיחה, האט . . אנגעהויבן זינגען "ונזכה ונחי'" - גאנץ 770 האט צולאכט, דער רבי האט אים געלאזן אויסזינגען זיך וזהו.

. . איז פאר יום-טוב צוגעפארן צוזאמען מיט . . צו קוגל אין מאנהאטן און איז צוריק געקומען נעכטן צו פוס, עס האט אים געדויערט 9 שעה . .

ר' ישראל פרידמאן האט היינט ניט געקראגן א בוטל משקה.

דער רבי האט געגעבן אברעמל שם-טוב א בוטל משקה פאר זיך און פאר הרב יאלעס.

ר' דוד חאנזין האט געקראגן 2 בוטלאך משקה פאר זיך.

בכלל האט דער רבי היינט געגעבן א סאך בוטלאך משקה . .

נ.ב איך האב דיר פארגעסן שרייבן אז איטשע מינקאוויטש (ב"ר לימא) איז געווען דער זוכה בגורל צו קומען פון פאריז אויף שבועות, וכמובן אז ער האט געקראגן א בוטל משקה בא כוס של ברכה.

**י׳ סיון, א׳ לס׳ בהעלתך**

. . ר׳ משה סלונים געפינט זיך נאך אין נ.י. די וואך פאר זיין טאכטער חתונה צו בלומענפעלד.

איך בין געשטאנען בא דער פאראד אנטקעגן רבי׳ן - אין פראנט זיינען דא א סאך שורות פון ביינקלאך - איך בין פון אנהויב דהיינו בא דער שיחה געשטאנען הינטער די ביינקלאך, גלייך נאך דער שיחה האב איך זיך איינגעשטעלט גלייך אין פראנט פון רבי׳ן . .

דוד׳ל פרידמאן דער מגיד שיעור פון שיעור א׳ זאל איז א ... חתן צו א פרוי פון מיניסאטא . .

בא כוס של ברכה איז דער רוסישער חזן געקומען און האט א סאך געזונגען, דער רבי האט אים זייער א סאך געמאכט מיטן האנט.

איינער איז צוגעגאנגען און האט געבעטן דער רבי אז ער וויל שאקלען זיין האנט, האט דער רבי אים געזאגט אז זיין האנט איז פול מיט וויין, האט דער חברה-מאן געזאגט צום רבי׳ן אז ער וויל סיי ווי שאקלען דעם רבי׳ס האנט, האט אים דער רבי געלאזן, דערנאך האט ער געבעטן דער רבי אז ער וויל טשעפן דער רבי׳ס בארד, דאס האט אים דער רבי ניט געלאזן. איך האף צו קריגן דער טייפ פון כוס של ברכה.

נעכטן איז דער רבי אריין צום פארברייניגען 1:40, דער פארברייניגען האט זיך געענדיקט 6:40, עס איז געווען א מורא׳דיקע פארברייניגען.

יעצט איז דא א כנוס תורה.

נעכטן האט הרב מארלאוו גענומען משקה פאר די קבלת פנים פון די רבנים און ער האט געזאגט אז אלע רבנים זיינען איינגעלאדן, האט אים דער רבי געזאגט צו אויסרופן אז בעלי-בתים זיינען אויך איינגעלאדן.

**אור לב׳ בהעלותך**

דער רבי איז היינט געפארן צום אוהל 4:20 . .

איך האב געפרעגט . . וואס הערט זיך מיטין דידן נצח, און ער האט מיר געזאגט אז מארגן דארף זיך אנהויבן דער משפט, מער ווי דאס ווייסט ער ניט.

. . צובראכן די סינקס, אויוענס, פרידיזשעטרייארס . . ממש אלץ צושמעטערט. ״עס און בענטש״, ״מערמעלשטיין׳ס״, ״האס אף גלאט״ זיינען געווען פול מיט בחורים.

ד. ראסקין האט געגעבן יעדער בחור 10$ כדי ער זאל האבן מיט וואס צו קויפן עסן, די הנהלה האט אריינגעשריבן צום רבי׳ן.

. . א סאך בחורים (ארץ ישראל-דיקע) . . זיינען געקומען עסן אין אהלי תורה . .

**יום ב׳ לס׳ בהעלתך י״א סיון**

. . איך דארף יעצט שיקן די הנחה פון במדבר וואס איך האב ערשט באקומען פון הירשל

ערשטענס האט מען אפגעשופט דער משפט פון די ספרים אויף כ"ז אדער כ"ח סיון.

**ה' לס' בהעלתך י"ד סיון**

.. איך האב נעכטן ביינאכט געקראגן די הנחה פון שבת פ' נשא ..

**ב' שלח כ' לירחא תליתאי**

.. דער קינד איז בפו"מ דער רבי'ס א קינד פון אנהויב שווענגען ביז נאכן געבוירן, האט ער געהאט א סאך ברכות פון רבי'ן. לערך 2 וואכן צוריק האבן דאקטוירים געזאגט אז מען זאל ארויפשניידן דער בויך און ארויסנעמען דער קינד, האט .. אפגערופן בנימין קליין און דער ענטפער פון רבי'ן איז געווען אעה"צ. לעצטן פרייטאג האבן דאקטוירים געזאגט אז מען וועט דארפן אויפברעכן א ביין בא .. " האט .. גלייך געלאזט די רבי וועגן דעם, און דער רבי האט געשיקט .. צו דאקטוירים, דאס איז אויף ווי ווייט איך ווייס. בפועל, איז דער קינד געבוירן געווארן אינגאנצן אן קיינע פראבלעמען, איז דאס ממש א נס גלוי פון רבי'ן.

מסתמא האסטו געהערט די ניט אלע נייעס אז ר' שלום דובער פעוזנער איז נעכטן לערך 6-7 אזייגער אין אווענט נפטר געווארן. נעכטן נאך מיטאג האט ער זיך עפעס ניט געפילט גוט, האט אים פיטשע גענומען צום דאקטער, האט אים באקוקט פון אלע זייטן און האט אים געזאגט אז ער איז אינגאנצן געזונט, איז ער צוריק געגאנגען ארבעטן. ארום 6-7 אזייגער .. האט ער זייער געציטערט, האט אים וועלוול ראזענבלום (ער איז געווען דער איינציקער בשעת מעשה אין פרינטינג שאפ) אוועקגעזעצט אויף א ביינקל. און גלייך נאכדעם ווי ער האט זיך אוועקגעזעצט איז ער נפטר געווארן. איך בין נעכטן געגאנגען צו שמירה פון 2 ביז 5 אזייגער אינדערפי, די לוי' איז אדורך 770 2:30 ..

.. האט מיר געבעטן איבערגעבן דיר אז בא דער שיחה צו די תלמידות המסיימות, בשעת דער רבי האט געזאגט אז מען געפינט זיך דאך אין א ארט וואו עס איז דא ספרי תורה, האט דער רבי ארומגעדרייט דער פנים צום ארון קודש.

פיקארסקי'ס חלום בנוגע א ישיבת קיץ - וואס בא די לעצטע פאר טעג איז בא אים געווען 95 פראצענט אז עס וועט **יע** זיין - איז אינגאנצן נתבטל געווארן ..

מסתמא ווייסטו שוין אז לעצטע שבת איז ניט געווען קיין פארברענגען.

די שלוחים פון קאליפארניא פארן נעקסטן מאנטיג ..

בכלל האט שיעור ג' באשלאסן אז זיי וועלן בעטן א ברכה באם רבי'ן, היות דאס איז די צוויטע אין זייער שיעור אין אזא קורצע צייט ..

לזכות

# כ״ק אדמו״ר שליט״א

**לרגל מלאת צדי״ק שנה להחתונה ביום הבהיר י״ד כסלו**
**יחי אדונינו מורינו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!!**

•

## לזכות החתן הת' הרב יעקב יהודה שיחי' והכלה המהוללה הענ' רחל תחי' קארלעבאך

יה״ר שיבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות

לזכות הוריהם
הרה״ת שלמה וזוגתו שי' קארלעבאך
הרה״ת ירחמיאל וזוגתו שי' וואלאוויק

זקניהם
הרה״ת יהודה לייב וזוגתו שי' וואלאוויק
הרה״ת חיים שלום דובער וזוגתו שי' ליפסקער

לע״נ
הרה״ת אפרים וצבי' ליבא קארלעבאך ע״ה
הרה״ת פרץ וחי' יוטא העכט ע״ה